# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


## Rebe Meʾir Bal ha-Nes

**Mezaḥ, Yehoshuʻa**

**Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]**

ב.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

ספרים, ער פלעגט אליין מאכען טינט, און דיא טינט פלעגט ער אריינגלייגען שוועבעל זאלץ, זיינע דיא בוכשטאבען געווען קלאהר און גלאנציג:

## ב.

רבי מאיר האט געהייראט מיט רבי חנינא בן תרדיון'ס טאכטער, איהר נאמען איז געווען ברוריה, זיא איז געוועזען אגרויסע חכמה, לערנען האט זיא געקאנט וויא איינער פון דיא חכמים, זיא האט געהאט אגוטען בערוף:

רבי מאיר איז געוועזען אגרויסער בעל בטחון און דער צוא אגרויסער בעל צדקה, ער פלעגט פארדינען דרייא שקלים (אזא פארצייטיגע מטבע) אוואך, פלעגט ער דער פון איין שקל אויס געבען אויף שפייז פאר זיך און פאר זיין פאמיליע, איין שקל אויף קליידער און דעם דריטען שקל פלעגט ער צו טהיילען דיא ארעמע תלמידי חכמים, און אזוי האט ער אלע מאהל געטאהן.

זיין רבי האט איהם אזוי שטארק נישעצט און געעהרט אז ער פלעגט זאגען זיינע תלמידים דאס זייא זאלען זיך לערנען פון רבי מאיר'ן צוא גלויבען אין גאט, רבי עקיבא האט זיינע תלמידים ערציילט אזא מעשה: אמאל בין איך געגאנגען אויף איין שיף, מיר זיינען צריין ווייט אין ים האב איך דער זעהען וויא אקליינע שיפעל איז צובראכען געווארען אויף דעם שטורעמדיגען ים, איך האב זייער געטרויערט וויל איך האב געוואוסט דאס אין יענע שיפעל איז געווען מיין תלמיד רבי מאיר, נאכדעם אז איך בין געקומען אהיים, בין איך אוועק געגאנגען אין בית המדרש, איך זעה דאס רבי מאיר איז דא, איך האב מיך זייער ערפרייט מיט איהם און איך האב איהם געפרעגט:

זאג מיר מיין קינד ווער האט דיך געראטעוועט פון טויט? ער האט מיר גאנץ רוהיג געענטפערט, גלייך וויא מיין (ר"מ בעל הנם)

שיפעל

שיפפעל איז צו בראכען געווארען, האב איך זיך איבערגעגעבען
אין גאטטעס הענד, דער שטורעם איז געוועזען זייער גרויס,
די וועלען האבען זיך געווארפען היין און הער, פון איין וועל
צו די אנדערע, ביז זיי האבען מיך ארויס געווארפען צום
ברעג ים, האב איך איהם געפרעגט: זאג מיר מיין קינד וואס
פאר אמונה האסט דו געטהאן וואס דו ביסט גערעטעט
געווארען פון טויט — האט ער מיר געענטפערט; אז איך בין
געקומען אין שיפפעל האב איך געטראפען דארטען איין ארעמאן,
ער האט ביי מיר געבעטען ברויט, האב איך איהם אבגעגעבען
מיינע שפייז וואס איך האב מיט גענומען אויף מיין רייזע, האט
דער ארעמאן געזאגט צו מיר; אט אזוי וויא דו האסט מיך
גערעטעט פון טויט, אזוי זאלסט דו גערעטעט ווערען אין איין
אומגליק פון טויט.

נור ניט אלע מאל פלעגט רבי מאיר אין איין אומגליק זיך
פארלאזען אויף איין נס, וואו ער האט געקאנט, האט ער זיך
גערעטעט דורך זיין חכמה, וויא מיר וועלען ווייטער ערצייהלען:

## ג.

רבי מאיר איז אמאל געגאנגען אויף דעם וועג ער איז
געריטען אויף איין עזעל, ער איז געקומען ביי א קרעטשמע
וואס איז געשטאנען ניט ווייט פון א גרויסען געדיכטען וואלד,
די זון איז אונטער געגאנגען עס איז געווארען פינסטער בעת
רבי מאיר איז געקומען ביי דער קרעטשמע, איז ער דארטען
אין קרעטשמע געבליבען נעכטיגען, דאס ערשטע ער זאל זיך
קענען אויסרוהען פון זיין וועג, און דאס צווייטע ווייל אין יענער
צייט פלעגט מען מורא האבען צוא גיין אליין ביי נאכט אויף
דעם וועג צו ליב גזלנים און חיות רעות.

אין יענע קרעטשמע, וואו רבי מאיר איז געבליבען
(ר״מ בעל הנס)
נעכטיגען